RADOMER KIELCER LEBEN № 41 (17) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" [illegible]

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

הײַנט 10 זײַטען.

אדרעסען פון „ראַדאָמער קעלצער לעבן"

אין ראַדאָם
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ.
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Kielce, Sienkiewicza 35.

אַנאָנסען פּרײַז:
איין מיל־מעטער שורה: פאָרן טעקסט 20 גר.
„ 40 „ אין „ „ „
„ 18 „ נאָכ'ן „ „

2 października 1925 roku | פאַר'ן אינהאַלט און טעקסט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך. | ראַדאָם פרײַטיג י"ד תשרי תרפ"ו

## OBWIESZCZENIE

Magistrat miasta Radomia niniejszym ogłasza **konkurs na postawienie parkanu wzdłuż nowej ulicy, przeprowadzonej od Starokrakowskiej do Długiej,** o następujących wymiarach: 250,0+240,0, czyli długości 490,000 metr.

Bliższych informacji udzieli reflektantom wydział Budownictwa Magistratu.

**Oferty składać należy na ręce jednego z członków Prezydjum Magistratu** (Prezydenta lub Viceprezydenta miasta) **do dnia 5 października 1925 roku.**

**MAGISTRAT m. RADOMIA.**

## Towarzystwo Ubezpieczeń
## ORZEŁ sp. Akc.

**Dyrekcja w Warszawie** Św. Krzyska № 30 **Oddział Miejski** Marszałkowska № 116 Telefony: 298-44, 190-63, 89-93

**GENERALNA REPREZENTACJA na Kieleckie i Lubelskie Województwa w Kielcach** Sienkiewicza № 63 Telefony 159, 159-6.

Przyjmuje ubezpieczenia od ognia, Kradzieży z włamaniem, ryzyka transportu, oraz od gradobicia.

Solidni agenci jakoteż i agentki w miejscowościach województwa Kieleckiego i Lubelskiego zająć mogą odpowiednie posady na dobrych warunkach prowizyjnych.

Oferty składać należy do **Kieleckiej Generalnej Reprezentacji** Sienkiewicza 63, piśmiennie lub osobiście w godzinach biurowych od 8—3 p. p.

## העבּרעאישע קורסען!

פאַר גרופּען ווערען געעפענט דעם 13־טן ד. מ.
אײַנשרײַבען זיך קאָן מען פון 5/10 פון 4—6 נ. מ.
אין דער קאַנצעלאַריע פון די קורסען
וויטאָלדע 11.
דאָרט אינפאָרמירט מען גענוי וועגען אַלעם.
אויך ווערט געעפענט אַ קורס צו פּערפעקציאָנירען זיך, אויף וועלכען עס וועלען געלערענט ווערען צווישען אַנדערס תנ"ך, יודישע געשיכטע און פּלסתינוגראַפיע.

ל. מילמאַן

## „VESTA"
**Bank Wzajemnych Ubezpieczeń w Poznaniu.**

Zawiadamia się Sz. Publiczności, że z dniem 1-go Września 1925 roku

*Reprezentację na Okręg Kielecki*

**objął p. M. OBERMAN Kielce Sienkiewicza 37**

który upoważnionym jest do przyjęcia wszelkiego rodzaju ubezpieczeń od ognia, kradzieży, na życie, od wypadków, i ubezpieczeń samochodowych auto-casco i odpowiedzialność cywilna.

Informacji w powyższych sprawach udziela Reprezentacja w Kielcach ul. Sienkiewicza 37.

Poszukiwani są na dobre warunki ajenci w całem Województwie Kieleckiem.

**Dyrektor M. Ochwanowski (-)**

## אַ פריילעכען יום־טוב!

טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי" ראַדאָם

פאַראײניגטע טרופּע פון יודישען אַרטיסטען־פעראײן אין וואַרשע.

שבת דעם 3־טען אָקטאָבער ערסטער טאָג סוכות, נאָך 1 פאָרשטעלונג. אָנהויב 4 נ. מ.
ס'ווערט געשפּילט צום ערשטען מאָל די לאַנג ערוואַרטעטע היסטאָרישע אָפּערעטע מיט 20 נומערען געזאַנג אין 4 אַקטען פון לאַטיינער

**אשה רעה**

זונטיג דעם 4 אָקטאָבער 4 נאָך מיטאָג
צום ערשטען מאָל אין דעם סעזאָהן
ווערט געשפּילט ווערען די פריילעכע אָפּערעטקע מיט נײַע גערוגענע נײַע קופּלעטען נײַע טענץ
אין 4 אַקטען פון גאָרדין

**חנקעלע כל־בו'ניק**

זונטיג דעם 4 אָקטאָבער אָנהויב 8.15
ווערט געשפּילט צום 2־טען מאָהל די אויסגעצייכנטע פּאָלגרייכע אָפּערעטע אין 4 אַקטען פון טאָמאַשעווסקי.

**די יודישע קרוין.**

פּ ר ע מ י ע ר ע ! צום ערשטען מאָל!
מאָנטיג דעם 5 אָקטאָבער 8,15 אָוונד ווערט געשפּילט די וועלט באַרימטע פּיעסע
אין 5 אַקטען פון קאַרל גוצקאָוו

**אוריאל אקאסטא**

דינסטאָג דעם 6־טען אָקטאָבער אויפ'ן פערלאַנג פון פּובליקום ווערט געשפּילט די באַליבטע פריילעכע קאָמישע אָפּערעטקע אין 3 אַקטען מיט אַ בילד פון ה. שאָר

**די רומענישע חתונה**

אַכטונג: צו יעדען בילעט ווערט צוגעגעבען דאָס באַליבטע ליד „קינדער יאָהרען".

מיטוואָך דעם 7־טען אָקטאָבער אַ פײַערליכען אַרטיסטען טאָג לטובת דעם יודישען אַרטיסטען פעראײן אין פּוילען. ס'ווערט געגעבען אַ גרויסע גראַנדיעזע פאָרשטעלונג ס'ווערט געשפּילט ווערען צום ערסטען מאָהל פון דער טרופּע די בעהאַוסטע קאָמעדיע אין 3 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג פון ל. אַ ש.

**מאָטקע גנב**

צום שלוס אַ מוזיקאַלישען דיווערטיסמענט פון די נײַסטע קופּלעטען, דועטען, מאָנאָלאָגען, דעקלאַמאַציעס, פערשידענע פּאָפּורי א לעבעדיגע קינאָמאַטאָגראַף.

בילעטען צו בעקומען אין די טעג פון די פאָרשטעלונגען אין קאַסע פון טעאַטער.

געשעפטס־פיהרער: לייכטער — סופלער: לאַקס

## די שוחטים פערטיידיגען זיך...

לויט ווי מיר דערוויסען זיך, זענען אלע ראדאמער שוחטים איינגעלאדען געווארען צום ה' יחיאל קעסטענבערג, כדי צו בעטראכטען זיך וועגען די געשאפענע לאגע אין צוזאמענהאנג מיט די געפלאנטע רעפארמען מצד דער גמינה אין דער שחיטה-פראגע.

## עגזאמענס אין דער שולע פון ליפשיץ, דאנציגער און העכטמאן.

די שול-אייגענטימער ליפשיץ, דאנציגער און העכטמאן, האבען אויפן היינטיגען שבת איינגעלאדענט די עלטערען פון זייערע שילער, כדי אין זייער אנוועזענהייט צו עקזאמינירען די תלמידים. די עקזאמענס האבען בעוויזען, אז די שילער האבען דאס אויסגעלערנטע גוט תופס געווען און פערשטאנען. מיט געפיהל האבען זיי פארגעזאגט פון אויסווענינג צו גאנצע קאפיטלען פון תנ"ך. די עקזאמענס האבען א חוץ די עלטערען אויך ביי־געוואהנט אנגעזעהענע בעלי הבתים, וועלכע האבען אויסגעדרוקט זייער צופרידענהייט דערפאר, וואס די שולע זארגט פאר די גוטע פרוכטען פון איהר לעהרע און וויל דורך עפענטליכע עקזאמענס געווינען אנערקענונג און צוטרוי פון די ברייטערע געזעלשאפטליכע קרייזען.

## פון שטאדט-ראט.

אויף איינער פון די נאך פעריען-זיצונגען פון שטאדט-ראט איז בעטראכט געווארען דאס פעסטשטעלען פון די פענסיעס פאר די בעאמטע פון מאגיסטראט-פערוואלטונג און אין צוזאמענהאנג דערמיט, איז פארגעלעגט געווארען צו העכערען די פענסיע פון שטאדט-פרעזידענט פון די 5-טע אויף דער 4-טע קאטעגאריע און די פענסיעס פון וויצע פרעזידענט און דעם דירעקטאר פון דער שטאדטישער האנדווערקער-שול פון דער 6-ער קאטעגאריע אויף דער 5-ער. גלייכצייטיג איז אויך בעהאנדעלט געווארען דאס פעסטשטעלען די גרויס פון די פענסיעס פאר די איבריגע מאגיסטראט - בעאמטע. אויף דער זעלבער זיצונג איז אויך בעשטימט געווארען די טאקסע-פרייזען פאר די אויטא-דראזשקעס לויט פאלגענדען סדר: פאר זעקס-פערזאנענדיגע אויטאס (5 פאסאזשירען און 1 שאפער) איז די טאקסע פון ערשטען קילאמעטער-קורס בייטאג 1 זלאט מיט 20 גר. ביינאכט 1 זל. 80 גר. פאר יעדע וייטערדיגע 500 מעטער בייטאג צו 40 גר. ביינאכט צו 60 גר.

פאר 4 פערזאנענדיגע (3 פאסאזשירען און 1 שאפער) איז די טאקסע פון ערשטען קילאמעטער בייטאג ווי ביינאכט 1 זל. 50 גר. פאר יעדערען ווייטערדיגען קילאמעטער בייטאג צו 50 גר. ביינאכט צו 70 גר.

פאר א קורס אין שטאדט 1 זל. אונטער דער שטאדט און צו דער באהן-סטאציע 2 זלאטעס.

דער ס. פ. ס.-ישער ראטמאן ה' גזשעטשנאראווסקי האט צום סוף אריינגעטראגען א פארשלאג, אז די שטאדט זאל בעקומען א הויז פאר די פיעל היימלאזע, וואס האבען נישט קיין דירות. צו דעם פארשלאג גיבט צו דער יידישער ראטמאן ה' בריליאנט, אז אין דער פראגע זאל מען זיך פערשטענדיגען מיט'ן לאקאטארען-פעראיין וועמען ס'איז גוט בעקאנט די אנגעווייטאגטע לאגע פון די, וועלכע ליידען פון דירה-מאנגעל.

דער פארשלאג פון ראטמאן גזשעטשנאראווסקי איז איינשטימיג אנגענומען געווארען און מיט דעם האט זיך פערענדיגט די זיצונג.

אכטונג! העברעאישע אווענד-קורסען אין ראדאם!

די קולטור־קאמיסיע ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע מעלדעט, אז דעם 15-טען אקטאבער ד. י. עפנען זיך אויפסניי די לאנג-עגזיסטירענדע העברעאישע אווענד־קורסען. אויסער גרופען פאר אנפאנגער עפענט זיך א קורס פאר דעוואקסענע, אויף וועלכען מ'וועט אונטעררייכטען העברעאישע ליטעראטור, תנ"ך און היסטאריע.

נעמענדיג אין אכט דעם קריזיס, וועלען די פרייזען זיין צוגענגליך פאר יעדען. דער סעקרעטאריאט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע נעמט שוין אן שילער — יעדען טאג פון 6—9 אווענד.


אין לאקאל פון יודישען גימנאזיום מאריאצקא 4 עפענען מיר אויף פארבערייטונגס-קלאסען. (פאדוואסטעפנא און וואסטעמפנא).

אינפארמאציעס ווערען ערטיילט יעדען טאג צווישען 3 און 4 נ. מ.

דער אפצאהל איז צוטריטליך

פרויען:

באנקער און הורוויטש


## פון די פעראייניגטע נ. פ. קאמיסיע אין ראדאם.

דעם קומענדיגען חוה"מ סוכות קומט פאר די 1־טע אויסלייזיגונג פון די פושקעס אויף דעם יאהר תרפ"ו.— מיר מאכען אויפמערקזאם נאך איינמאל די פושקעס אינהאבערס, ביי וועלכע עס איז דאס לעצטע מאהל געוועזען לעער, דאס מיר וועלען אונבעדינגט פערעפענטליכען זייערע נעמען. — מיר האבען ערהאלטען א מיטטיילונג פון די צענטראלע, דאס די קינדער-אלבומען וועלען אין די נאהענטסטע טעג אנקומען און פונאנדערגעטיילט ווערן צווישען די קינדער, וואס האבען די ערשטע צוזאמענגעשטעלט די פושקע. די „קרן קימת שמחת-תורה פענער" זענען שוין אנגעקומען. זיי זענען זעלטען שיין און א צירונג פאר יעדען קינד. די פענער וועלען פערקויפט ווערען דורך די שומרים, וועלכע וועלען זיי פינאנדערטראגען, ווי אויך אין לאקאל פון דער ציוני. ארג. לובעלסקא 25 №


**Biuro Próśb i Podań**

**p. f. „EXPRESS"**

**N. NEUFELD i T. SZCZYGIELSKI**

**RADOM, ul. Lubelska 21** w podwórzu (sklep)

Redaguje i załatwia wszelkie prośby i podania do **władz sądowych, skarbowych, wojskowych i administracyjnych** w sprawach podatku obrotowego dochodowego, majątkowego klauzul. paszportowych i innych.

**UWAGA:** Przepisywanie na maszynach, korespondencja handlowa, oraz wszelkie tłomaczenia.

**Załatwia szybko i punktualnie**


## אנ—סקיס „טאג און נאכט" אויף פויליש.

אין היגען טעאטער ראזמאיטאשטשי ווערט היינטיגען שבת באנאכט אויפגעפירט דורך א ווארשאווער פוילישע טרופע אונטער דער רעזשי פון בעריהמטען פוילישען טראגיקער ק. אדוועגטאוויטש, אנ־סקי'ס לעגענדארישע דראמע „טאג און נאכט".

## ארטיסטען טאג

מיטוואך דעם דריטען טאג חו"מ שפילט די ראדאמער יודישע טרופע לטובת דעם יודישען ארטיסטען פעראיין אין פוילען. ס'ווערט אויפגעפיהרט דאס בעריהמטע מייסטער-ווערק „מאטקע גנב" פון שלום אש. צום שלוס א גרויסער מוזיקאלישער דיווערטיסמענט, גלייכצייטיג וועט בעגריסען דער רעד. פון „ראד. - קעלצער לעבען" מ. הערץ און וועט רעפערירען וועגען ארטיסטען פעראיין בכלל און וועגען יודישען אקטיאר בפרט.

דער אווענד זאגט-צו צו זיין זעהר אינטערעסאנט. און וועט בעשטימט בעזוכט ווערען פון די ברייטעסטע קרייזען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין ראדאם.

## „העברעאישער קרייז"

### אין ראדאם, לובעלסקא 25

שבת דעם 1-טען טאג סוכות 3 ½ נ. מ. קומט פאר די געוועהנליכע חברים-פערזאמלונג מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג:

חסידות ציוניזם און „השכלה"

פ. גינזבורג

דיסקוסיעס ארום 20 פראגען.

זונטאג דעם 2-טען טאג סוכות 5 נ. מ. פונקטליך וועט דעפוטאט י. גרינבוים רעפערירען א. ד. ט. „מיינע איינדרוקען פון ארץ-ישראל"

איינגאנג פריי

תקון תעות: אין נאטיץ אויף דער 8-טער זייט וועגען טורקאוו'ס אויפטריט אין קעלץ איז אריין א טעות — אנשטאט אסתר רחל דארף זיין אידא קאמינסקא

# קעלצער אבטיילונג.

## פאר וואס דארפען מיר האבען א אמבולאטאריום?

דער וואונש, וואס איז ארויסגעזאגט געווארען דורך דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט „לינת-הצדק" אין קעלץ וועגען דער נויטווענדיקייט צו עפענען א געזעלשאפטליכען אמבולאטאריום, וואו יעדער איינער אהן אונטערשיד פון שטאנד, זאל קענען בעקומען מעדיצינישע הילף פאר א קליינעם אבצאל—האט געווירקט אויף דער ניי אויסגעוועהלטער פערוואלטונג צו רעכענען זיך דערמיט און אויפזוכען די מיטלען אום צו קענען דעם וויכטיגען פלאן אין לעבען צו פערווירקליכען.

עס איז פיל דעבאטירט געווארען ארום דער פראגע און אלזייטיק בעלויכטען געווארען אום צו בעשליסען זיך אויף אזוינע גרויסע הוצאות וועלכע פאדערט דאס איינארדנען און בעוועגען אזא אמבאלאטאריום ביי דער יעצטיגער עקאנאמישער לאגע און ביי די פינאנסיעלע שוועריקייטען, וואס די געזעלשאפט ל. ה. האט דורכצומאכען. מען האט אויך בעדארפט פאכמענישע ערפאהרונג און זיך בעקענען מיט דער שטעלונג פון די היגע יודישע דאקטוירים צו אזא מין אמבאלאטאריום. צו דעם צוועק האט די פערוואלטונג פון ל. ה. איינגעלאדען צו א בעראטונג די אלע היגע יודישע דאקטוירים און צאהן-ארצטע, וועלכע פראקטיקירען אין קעלץ, צו דער בעראטונג זענען געקומען אלע איינגעלאדענע מיט'ן אויסנאהם פון 2 יודישע דאקטוירים, וועלכע האבען זאגאר נישט געפונען פאר נויטיג צו ענטפערען און מאטאווירען זייער אבוועזענהייט.

פארשטעלענדיג פאר די איינגעלאדענע די אלגעמיינע עקאנאמישע לאגע פון קעלצער יודענטום, די נויט, וועלכע לאזט זיך מערקען ביי די יודישע מאסען און די פעראראמקייט וואס פערשפרייט זיך פון טאג צו טאג ביי דער יודישער בעפעלקערונג, און צוזאמען דערמיט די שווערע לאגע פון דער געזעלשאפט „לינת-הצדק" וועלכע איז נישט בכח צו לייסטען אזוי פיל מעדיצינישע הילף די ארימע ליידענע — זעהט נישט די פערוואלטונג קיין אנדער אויסגאנג ווי נאר צו שאפען א געזעלשאפטליכע אמבאלאטאריום אום יעדער איינער זאל קענען געניסען פאר א מינימאלען אבצאל פון מעדיצינישע הילף און נישט פאלען איינגאנצען די לאסט אויף דער געז. „לינת-הצדק" וועלכע וועט אויך אויף ווייטער העלפען די גאנץ ארימע מיט מעדיצינישע און מאטעריעלע הילף. עס איז אויך אנגעוויזען געווארען אויף דעם וואוקס פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון דער געזעלשאפט, וועלכע צעהלט ביז היינטיגען טאג העכער 1200 מיטגלידער און אויך אויף דעם, וואס אין אנדערע שטעדט און איבערהויפט אין די גרויסע שטעדט זענען שוין געשאפען געווארען אזעלכע אמבולאטאריומ'ס ביי פילאנטראפישע געזעלשאפטען און אויך ביי פראפעסיאנעלע פעראיינען.

די פערוואלטונג פון דער געזעלש. ל. ה. האט דעריבער איינגעלאדען די ה"ה דאקטוירים אום זיי דאס פארצושטעלען, אויסהערען זייערע מיינונג, וויסען זייער שטעלונג צו דער וויכטיגער זאך און צו קענען האפען אויף זייער אנטיילנעמען אין דער ארבייט פון אמבולאטאריום. די אלע נויטיגע אויסגאבען אין צוגרייטען דעם לאקאל נעמט די געזעלשאפט אויף זיך און אין פאל ווען די דאקטוירים וועלען זיך פאזיטיוו ארויסזאגען, וועט די פערוואלטונג תיכף צוטרעטען צו איינקויפען די אלע מכשירים און געגענשטענדען און זעהן ווי אמשנעלסטען צושטעלען דאס אלעס צו זייער דיספאזיציע.

דער פארזיצענ־ער פון דער געזעלשאפט „לינת הצדק" האט בעריהרט די פראגע פון מעדיצינישען שטאנדפונקט, בעלויכטען די בעדייטונג פון אזא געזעלשאפטליכען אמבולאטאריום פאר'ן פאלקס-געזונטהייט און ווי וויכטיג דאס איז פאר אונזער נאציאנאלער אויפלעבונג און בעט די ה"ה דאקטוירים זיך ארויסזאגען און נישט קוקען אויף דעם פון דעם ריינעם פראפעסיאנעלען שטאנדפונקט, נאר בעהאנדלען דעם פראבלעם מעהר פון געזעלשאפטליכען און הומאניטארען שטאנדפונקט. נאך קורצע וויכוחים איז ענדליך קאנקרעטיזירט און אנגענומען געווארען דער פארשלאג פון ד"ר תאטינער, אז פאר די ברייטערע מאסען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין קעלץ איז אזא אמבולאטאריום מעהר ווי געווינשען, אז דאס פאסענדסטע ארט איז נישט ווי דעם ה" דאקטארס קראאוזעס פארשלאג ביים יודישען שפיטאל, נאר דוקא ביים לאקאל פון דער געז. „לינת-הצדק", וועלכער געפינט זיך אין מיטען שטאט, און אז אלע אנוועזענדע דאקטוירים פערפליכטען זיך צו נעמען א אנטייל אין דעם אמבולאטאריום לויט דעם פלאן וואס די ספעציעל אויסגעוועהלטע טעכנישע קאמיסיע וועט אויסארבייטען. דער אנגענומענער בעשלוס, ווי אויך דער אויפריכטיגער ווילען צו מיטארבייטען מצד די ה"ה דאקטוירים האט אויף דער פערוואלטונג געמאכט א גוטען רושם אין נאך א קורצער צוזאמענארבייט מיט דער טעכנישער קאמיס־ע מצד די דאקטוירים איז ענדליך אלס נויטיגעס פאר'ן אמבולאטאריום געשאפען געווארען אזוי, אז מען האט נאר גדארפט מעלדען און בעקאנט מאכען דעם טאג פון דער ערעפענונג פון דעם אמבולאטאריום.

(ענדע קומט)

א. סערוועטניק.

„רים״

ביטעס-שריפט-ביורא, קעלץ קילינסקי גאס 8
ערלעדיגט אלעראַרט ביטעס, רעקורסן זעזנאַניעס

## וועז דער זייגער שלאגט 11

(א נאכט בילדעל אויף דער קאלאיאווע גאס)

אלץ איילט אהיים. די גאס ווערט ביסלעכוויין ליידיג. אט לויפען צוויי מיידלעך, האבען שוין געדארפט זיין לאנג אין דער היים: איילען זיך, האבען מורא דער מאטעשי זאל זיך נישט בייזערען. ערגיץ וואו ביי א טויער שטעהט נאך א יונג פערליבט פארל, ער האלט איהר האנד אין זיינע, קען זיך גאר נישט שיידען מיט איהר. פון אינוועניג אין טויער הערט זיך געהן דעם סטרוזש מיט די גראבע טרעפעס, קלינגט מיט דעם בינט שליסלען, עפענט ס'טויער אויף און דער קלאפ פון דעם טירעל, וואס ווערט באלד צו געמאכט, מישט זיך צונויף מיט דעם קול פון דעם יונגערמאן:

— דא ווידזעניא! דא ווידזעניא! —

איינציגוויז ווערט די גאס ווידער בעלעבט, נור פון א גאנץ אנדער כארט מענשען. אמערסטענטייל פון דעם שעהנעם מין. עס דאכט זיך אויס, ווי אט די אלע וואלטען פלוצלינג מיט א מאהל פון דער ערד ארויסגעוואקסען. אלע געהן אזוי מאדנע אויפפאלענד אנגעטוהן און מיט אנגעפארבטע פנימ'ער. און די אויגען ביי מאנכע אזעלכע אונטערגעשמירטע, קוקען אזוי פערשארט חוצפה'דיג ארויס און ביי מאנכע ווידער זעהט מען ווי א שטילער בעהאלטענער צער קיקט פון די אויגען ארויס... פון דער ווייטען קומט אן עפ־ס א שיכור'ער נפש מיט א לעדערנע מארינארקע, ווארפט זיך אויף רעכט און אויף לינקס, אלע רינגלען איהם ארום, יעדער וויל וואס פריער אויסהאנדלען, און צווישען די דאזיגע מיידלעך זעהט מען אויך שווארץ אויגיקע טעכטער... נישטא ביי זיי קיין אונטערשיד, ביי זיי גיבט נישט קיין שום נאציאנאלער אדער רעליגיעזער האס, דער פינסטערער גורל האט זיי אלעמען פעראייניגט...

קעניג—שווארץ.

# וואָס הערט זיך אין קעלץ.

## געשפּרעך מיט'ן פּרעזעס פון דער קעלצער קהלה-פּערוואַלטונג ה' רייזמאַן.

צוליעב דעם וואָס די אָרטאָדאָקסישע פראַקציע אין דער קעלצער קהלה פּערהאַלט זיך די גאַנצע צייט אָפּאָזיציאָנעל און האָט זיך לעצטענס זאָגאָר צוריקגעצויגען פון דער קהלה-אַרבייט, האָט אונזער מיטאַרבייטער זיך געווענדעט צום פּרעזעס פון דער קהלה-פערוואַלטונג ה' רייזמאַן, וועלכער האָט אין זיין געשפּרעך געגעבען אַ איבערבליק פון דער אַלגעמיינער טהעטיגקייט פון דער קעלצער יודישער קהלה ווי אויך טיילווייז אויפגעקלערט די סבות פון'ם ארויסטריט מצד די אָרטאָדאָקסישע פאָרשטעהער.

### וואָס האָט אויפגעטוהן די נייע קהלה אין משך פון איהר עקזיסטענץ?

די נייע קהלה האט זיך בעמיהט, דאס געמיינדע-וועזען ווי ווייט מעגליך צו אייראפּעאיזירען, צו דעם צוועק, האט זי קודם־כל געזארגט פאר א אייפגעפרישטען און זויבערען לאקאל, וועלכעס איז איינגעארדענט געווארען ענטשפרעכענד צו די נייע בעדינגונגען אזוי, דאס די זיצונגען פון ראַט זאלען קענען געפיהרט ווערען אויפן פּאַרלאַמענטאַרישען אופן. א חוץ דעם, איז דאס ביורא רעארגאניזירט געווארען, כדי דאס קאסא-וועזען און בוכפיהרונג זאל שטיין אויף דער געהעריגער הויך. ס'זענען אויך איינגעפיהרט געווארען געוויסע רעפארמען אין דער שחיטה-ארדנונג.

### אויף וואָס פאַר א אופן האט איהר ארגאַניזירט די שחיטה אין קעלץ?

—דאָס ארגאַניזירען פון דער שחיטה אין קעלץ בעשטייט אין דעם, דאס די שוחטים זענען געווארען בעאמטע פון דער קהלה און בעקומען זייער פעסטען געהאלט און די גאנצע הכנסה פון דער שחיטה פליסט איין אין דער קהלה—קאסע. אזוי ארום איז די הכנסה פון שחיטה געשטיגען פון 700 זלאָטעס אויף 1500 זלאט אויך און דאריבער איז פּרעלימינירט געווארען אין בודזשעט פארן יאהר—1925 א סומע פון 100 טויזענד זלאטעס א יאָהר פון דער שחיטה—הכנסה

### פאַר וואָס קאָנט איהר נישט אַרבייטען צוזאַמען מיט די אָרטאָדאָקסישע דאָזאָרעס?

— די פראגע איז געשטעלט נישט אונטער דעם ריכטיגען אדרעס. ווארום איך האב מיט די ארטאדאקסישע דאזארעס געקאָנט און קאָן ווייטער גאנץ גוט צוזאמענארבייטען. די מניעה איז נאר פון זייער זייט. די סבה איז זייער פּארטיי—אמביציע, וועלכע פיהלט זיך בעליידיגט צוליב דעם, וואס ס'אָיז בעשטעטיגט געווארען דער שוחט בן-ציון גערשט, וועלכען ס'האט געשטיצט דער „מזרחי", דאס ווייזט, אז האטש קעלץ איז א וואיעוואודזטווא-יסטאדט איז זי ווייטער געבליבען פּראווינץ וועלכע האלט זיך אין איין ארומרייסען צוליב חזן, שוחט און רב...

### פאַר וואָס זענען די אָרטאָדאָקסען נישט צופרידען מיט דעם אויף זיי ארויפגעלעגטען עטאַט?

— צו זיין אומצופרידען מיט'ן עטאט האָבען די אָרטאָדאָקסען אמווייניגסטען גרונד, ווייל אין פערגלייך מיט'ן פאַראיאָהריגען עטאט צאָהלען זיי א מינימאַלע סומע און דאָס צוליב דעם, וואָס זייערע מאסען זענען אין פערלויף פון לעצטען יאָהר פעראָרימט געוואָרען. דער גאַנצער עטאָט פון דער קעלצער קהלה בעטרעפט 40 טויזענד זלאָטעס, וואָס איז אין פערגלייך מיט אַנדערע ענליכע שטעדט אַ לעכערליך קליינע סומע. דאָס איז אַ דאַנק דעם, וואָס די הכנסה פון דער שחיטה איז גרויס. און ווען מ'וועט נעמען אין אַכט דאָס די בלויזע אויסגאַבען אויף אויסצוהאַלטען דאָס יודישע שפּיטאַל בעטרעפען אליין ביז 40 טויזענד זלאָטעס א יאָהר און די פרעלימינירטע סובסידיעס צוזאַמען מיט די איבערגעבליבענע חובות פון אַלטען דאָזאָר בעטרעפען 34 טויזענד זלאָטעס — מוז מען קימען צום בעשלוס, אַז די קעלצער בעפעלקערונג קען זיין זעהר צופרידען מיט'ן הייעהריגען עטאָט! ליידער איז געשעהן אַ מאַקטישער פעהלער, וואָס דער קהלה-ראַט האָט בעשלאָסען, אַז דער מאַקסימום זאָל זיין נאָר 300 זלאָטעס. אַזוי אַרום קומט אויס, דאָס דער רייכסטער מענש אין שטאָדט און דער ווייניג פערמעגליכער מענש זענען בעשטייערט געוואָרען מיט איין און דער זעלבער סומע. און דאָס מוז מען מודה זיין, פערדריסט די עטאַטצאָהלער, די אָרטאָדאָקסען, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטען פון דער קהלה ווי ס'איז אויבען אָנגעוויזען געוואָרען צוליפּן שוחט. זיי האָבען אָט דעם פעהלער אויסגענוצט געגען דער קהלה.

### אויף וואָס פאַר אַ אופן ווערט אויסגעדריקט די נאַציאָנאַלע אַרבייט אין דער קעלצער יודישער קהלה?

די קעלצער קהלה שטייט אויפ'ן שטאַנדפּונקט, דאס די אַרץ ישראל-פראגע איז נישט קיין פראגע פון איין פּארטיי נאר פון גאנצען יודישע פּאָלק און אלס רעפּרעזענטאַנץ פון דער יודישער בעפעלקערונג, מוז זי שענקען גרויס אויפמערקזאַמקייט דער א"י פּראגע און מיטהעלפען אויפצובויען דאס לאנד. „קרן־היסוד" און „קרן קימת לישראל" האָבען געפונען א ווארימער אינטערשטיצונג מצד דער קהלה. אונזערע געפיהלען זענען געקומען צום אויסדריק אין בודזשעט, אין וועלכען ס'זענען פּרעלימינירט געוואָרען געוויסע סומען האָטש קליינע פאר'ן „קרן-היסוד" און „קרן-קימת" אויך איז איינגעפיהרט געוואָרען די העברעאישע שפּראך אלס איינע פון די אָפיציעלע שפּראכען אין דער קהלה,

### וואָס פאַר אַ מיינונג האָט איהר אַלס פּרעזעס פון דער יודישער קהלה צו דער אייגענער יודישע צייטונג „ראַדאָמער-קעלצער לעבען" און וואָס קאָן די יודישע געמיינדע געניסען פון אַ אייגענעם נאַציאָנאַלען אָרגאַן?

ביי די איצטיגע לעבענס-בעדינגונגען און די הויפּט-זאַך ביי דעם דורך די קהלות געשאַפענעם היימישען יודישען פּאַרלאַמענטאַריזים, איז אַ אידישער אָרגאַן אויף דער פּראָווינץ פּשוט אַ נויטווענדיגקייט. און דעריבער בעגריס איך ווארים דאָס ערשיינען פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען", וואונש איהם ערפאָלג פון גאַנצען האַרצען און דריק אויס מיין האָפנונג דאָס די צייטונג וועט ווירקען ערציהעריש אויף די יודישע מאַסען.

די יודישע קהלה איז פּעראינטערעסירט, דאָס די עפענטליכע מיינונג זאָל זיין ריכטיג אינפאָרמירט איבער איהר טהעטיגקייט און דאָס קאָן נאָר געשעהן דורך דער פערמיטלונג פון אַ אייגענעם יודישען אָרגאַן. פון דער אנדערער זייט ליגט ווידער אַ חוב אויף אַלע יודישע קהלות אַזאַ אָרגאַן אונטערצושטיצען און דאָס, וויל איך האָפען וועט מיט דער צייט פערווירקליכט ווערען.

## שטרייקען.

אין דער יודישער פרויען-גימנאַזיום פון דער פר. וואָלמאַן-זימנאָוו. איז אויסגעבראָכען א סטרייק. די סיבות אומבעקאנט. גענויערס אין נעכסטען נומער.

די טעג איז אין אַלע אָרטיגע קאָלךאייוועז אויסגעבראָכען אַ שטרייק, די אַרבייטער פאָדערן אַ הוספה פון 30% און צו אנערקענען זייער פעראיין.

## טורקאָוו און קאַמינסקא אין קעלץ.

אויף די צווייטע וואָך, דעם צווייטע טאָג סוכות און די ערשטע צוויי טעג חו"מ וועלען אין קעלץ געגעבען ווערען 3 פאָרשטעלונגען דורך די בערימטע ווארשאווער יודישע ארטיסטען פר' אסתר רחל קאמינסקא און ז. טורקאָוו.

די קעלצער יודישע בעפעלקערונג וועט זיכער אויסנוצען די געלעגענהייט צו זעהען די ארטיסטען, וועלכע האָבען זיך אזוי בעריהמט געמאַכט מיט דעם פילם „תקיעת כף".

אכטונג ראַדאָמער האַנטווערקער אכטונג
יודישער האַנטוו. קלוב אין ראַדאָם וואַל 59

מאַכט בעקאַנט דעם ראַדאָמער האַנטווערקערטום דאס זינטיק דעם $^4/_{10}$ אין אייגענעם לאָקאַל 4 $^1/_2$ נאָך מיטאָג וועט פאָרקומען א מאַסען פערזאַמלונג פון האַנטווערקער אויף וועלכע עס וועט באַהאַנדעלט ווערען א רייע אקטועלע וויכטיגע פראַגען אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאָרשטייענדען האַנטוו. קאָנגרעס וואָס קומט פאָר חול המועד סוכות אין וואַרשא.

קומט אַלע ווי איינער. די פערוואַלטונג.

**Biuro** Prośb, podań, przepisywań na maszynie i tłomaczeń

# „WIEDZA"

pod wspólnem kierownictwem **Ludwika i Leona Brylantów**
**czynne od 9-2 i 3-8.** **Radom** Lubelska 25 2a sień po prawej stronie parter.

*Tylko jedno przedstawienie*

# TEATR PREMJER
pod dyr. H. NOSARZEWSKIEGO

**W Sobotę dnia 3 października**
Odegra zespół artystów Scen Warszawskich
w Teatrze „Rozmaitości w Radomiu. sztukę

# Dzień i Noc

Tragedja w 3-ch aktach **Sz. Anskiego**
Akt 3-ci uzupełnił **A. Kacyzne**

Reżyserował: **K. Adwentowicz**

**Początek o godz. 9-ej w.** Ceny miejsc od 1—4 zł.
Bilety wpierw do nabycia w Kasie Zamawiań Lubelska 40

# Kino „Phenomen" KIELCE

אין איינעם וועט דעמאָנסטרירט ווערען דאָס בערימטע עראָטישע ווינדער בילד
*Venus z Montmartru*
דאָס בילד איז אַ זעלטענהייט אין דער פילם-פּראָדוקציע, אין דעם בילד טרעט אַרויס די בערימטע שענהייט די ליבלינג פון פּובליקום MIA—MARA

פון פרייטאג דעם 10 | 2 1925 ווערט דעמאָנסטרירט 2 מאָהל טעגליך?
נ. מ. פון 3 אַזייגער בייטאָג דאָס בעריהמטע בילד
# די געטין פון דזשונגלי
12 אַקטען 2 סעריעס צוזאַמען. אין בילד נעמען אַנטייל פערשידענע חיות ווי; לייבען, טיגריסען לעמפּערטן, מאַלפּעס, העלפאַנען און קראָקאָדילן א.ד.ג.

# בעקאַנטמאַכונג.

די אידישע קהלה—פערוואַלטונג מאַכט בעקאַנט, אז די ערשטע ליסטע פון קהלה—שטייער (עטאַט) פאַרן יאָהר 1925 ביז 100 זל. געפינט זיך שוין אין מאַגיסטראַט צום צוואַנגס—אויפמאַהנען און דעריבער ווערען די עטאַט—צאָהלער פון די איבריגע קלאַסען אויפמערקזאַם געמאַכט, אז דער ענדגילטיגער טערמין איינצוצאָהלען דעם עטאַט אין דער גמינע—קאַסע איז דער 15 אָקטאָבער. נאָך דעם טאָג וועט די גמינע איבערשיקען אַלע איבריגע ליסטעס אין מאַגיסטראַט צום צוואַנגס—אויפמאַהנען די גאַנצע סומע און צורעכענדיג 30 %.

גלייכצייטיג ווערט אויפמערקזאַם געמאַכט די יעניגע, וועלכע האָבען איינגעצאָהלט די ערשטע צוויי ראַטעס, אז דער לעצטער טערמין איינצוצאָהלען די דריטע ראַטע איז דער 15 אָקטאָבער, דען נאָך דעם טאָג וועט די איבריגע גאַנצע סומע געשיקטווערען אין מאַגיסטראַט צום צוואַנגס-אויפמאַנען.

צוליב די אונגעהויערע אויסגאַבען און די נויטווענדיגקייט אויסצוצאָהלען פאַר וואָהלטעטיגע אינסטיטוציעס די סובסידיעס, געפינט זיך די גמינע—קאַסע אין א שווערען מאַטעריעלען צושטאַנד און דעריבער ווענדעט זיך די קהלה—פערוואַלטונג צו די עטאַט-צאָהלער, אז אין אינטערעס פון דער קהלה ווי אויך אין אייגענעם אינטערעס פון די עטאַט—צאָהלער ליגט, איינצוצאָהלען דעם עטאַט אין דער קהלה—קאַסע ביז'ן 15 אָקטאָבער.

קינאָ-טעאַטער „CORSO" ראַדאָם

דעם 1-טן טאָג חול המועד סכות (5 | 10) וועט דעמאָנסטרירט ווערן דאָס וועלט—בעריהמטע אידישע קינאָ—בילד

# הנקמה פו
(ŚLUBOWANIE)

דאָס דאָזיגע בילד איז אַ רייכע אָפּשפּיגלונג פון יודישע זיטען מנהגים. מען זעהט דאָס לעבען פון אידישע ישיבות, דאָס רבי'אישע לעבען מיט זייערע היפען. מען זעהט אויך די לעגענדאַרישע פיגור פון אליהו הנביא און גיסטרייכע טיפען פון אידישע מקובלים און מיסטיג. דאָס בילד איז בערייכערט געוואָרען מיט פיעל הערליכע מאָמענטען און רופט אַרויס בעוואונדערונג.

Teatr POLSKI KIELCE

נאָר 3 גאַסטראָלען — פאָרשטעלונגען
פון די בערימטע יודישע אַרטיסטן
אידא קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו
מיט זייער אויסגעצייכענטען פּערסאָנאַל

זונטאָג דער 4-טער פּאַזשדזיערניק (צווייטער טאָג יום—טוב)
# ווען דער טייוועל לאַכט
פּיעסע אין 3 אקטען פון ס. ביעלאַי.

מאָנטאָג דעם 5-טן פּאַזשדז.
# מאַרפּיום
דראַמע אין 4 אקטען

דינסטאָג דעם 6 פּאַזשדז.
# ראָמאַנטישע נאַכט
קאָמעדיע אין 3 אקטען פון ה' גאַבוויץ

אונטערן רעזשי פון בעקאַנטען אַרטיסט ה' זיגמונט טורקאָוו, וועלכער האָט זיך קינה שם געוועזן מיט'ן בעוויסטען פילם „תקיעת כף"

בלב נשבר ונדכה הננו עומדים לפני הקבר הפתוח של חברנו
# מאיר רכטמן ז. ע.
שנקטף במבחר שנותיו בערב יו"כ
זכרונו יהיה תמיד חרות בלבנו.
„החלוץ"
ברדום תרפ"ו.

נרעשים ונדעדים אנו עומדים ע"י קברו של חברנו החביב
# מאיר רכטמן
השרויים בצער
יהושיע בוים
ישראל צבי שטטינר.

בצער וביגון רב עומדים אנו על קברו של אחד מטובי חברינו
# מאיר רעכטמן נ"ע
שנקטף מאתנו באביב ימיו אחרי מחלה כבדה וממושכה
לזכרון אנו נוטעים 2 עצים ביער הרצל על שמו.
השרויים באבל
הועד וחברי „ההתאחדות" ברדום.

# KINO „PANI" KIELCE

Na zakończenie sezonu letniego.
Królowie ekranu **Charlie Chaplin** i **Jackie Coogan**
w oryginalnym filmie amerykańskim
p. t. **BRZDĄC** (*The Kid*)
Orkiestra w nowym składzie pod Wart. p. **Marjanka**

**ANONS!**
Na otwarcie sezonu jesiennego
Epokowe arcydzieło filmowe
p. t.
# ARAB
**Z Alice Tery, Roman Nowaro**

*Do Zorganizowanych Kompletów.*

**klasy podwstępnej i wstępnej z należytym**

**u w z g l ę d n i e n i e m**

## Języka HEBRAJSKIEGO

przyjmę jeszcze kilkoro dzieci.

*Gwarancja zdania.*

*Cena przystępna.*

**Zapisy odbywają się codzień od 3-5 p. p. w lokalu własnym Lubelska 61.**

Lekcje rozpoczynają się w Srodę 14 października

HOLCKENEROWA.

---

## בעקאנטמאכונג.

טיילע מיט דעם ג. פובליקום דאס מיין געשעפט וועלכעס עקזיסטירט פון יאהר 1860 אויף וואלאווא גאס נ. 35. איז יעצט פארזעהן מיט די בעסטע געטראנקען ווי צ. ב. בראנפען, ליקער, וויין, ביער". „אקאצימסקער" „עקספארט" אונד פלאשן און פעסלעך.

פרישעס צו יעדע צייט יעדע בעשטעלונג שטעל איך אפ צו הויזע מיט פלימפלעך.

קאנקורענצינע פרייזען! רעיעלע בעהאנדלונג!

מיט אכטונג.

## הערשיל לאנדא ראדאם,

וואלאווא 35 פערקויף פון געטראנקען.

---

# Teatr „Rozmaitości" w Radomiu.

**W Piatek 2 Października r. b.**

**Po tryumfalnym objeździe 74 miast Północnej Ameryki**

*Tylko Jeden* **KONCERT** *Orkiestry Narodowej*

POD DYREKCJĄ

## St. NAMYSŁOWSKIEGO

(Nagrodzonego amerykańskim sztandarem i złotemi medalami)

Program wypełnią utwory: Nowowiejskiego, Chopina, Mussorskiego, Noskowskiego, Dworzaka, Jotejki, Moniuszki, Griega, Młynarskiego oraz **SŁYNNE MAZURY**

K. NAMYSŁOWSKIEGO

Orkiestra wystąpi w krakowskich kościuszkowskich strojach.

**Początek o godz. 8 wieczorem. Ceny miejsc zwyczajne.**

---

שלעכט פערדייאונג,

עצירות

שטערענגט אן דעם גייסט און קערפער. — מין אפטייקער

**Richard Brandt**



# Szwajcarskie PIGUŁKI

אנערקענט שוין פון 50 יאהר אין דער גאנצער וועלט אלס

## דורכריינינגונג'ס-מיטעל

ווירקט גינסטיג און ערפאלגרייך—צו בעקומען אין אלע אפטייקן ערלויבט דורכן אמט פאר עפענטליכע געזונד. פון 8/5 נומ. 1362/24

---

## בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט דאס ג' פובליקום פון ראדאם און אומגעגענד זאס מיין מאנופאקטור געשעפט איז יעצט פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל פון דאמען און מענער שטאף צו קאסטיומען און פאלטאס, זיידע, פלוש-קאטיקן אינלענדישע און אויסלענדישע. בעט-דעקין פלושענע וואלענע, פיקענע און אנדערע. גארדינען וואטע-דעקין, קאצען, מעביל שטאף אויך לייוועגט אלע סארטען. טיכער און פלעטלעך פיאסקאיוסקיס א. א. אלעס צו קאנקורענץ פרייזען.

מיט אכטונג

## מ. הירשהאָרן

(פריער ה. גרין)

ראדאם, לובלינער 7.

---

## בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט, דאס איך האב זיך געעפענט א געשעפט (וואעל 2 רוג רווינסקי) מיט אלערארט עלעקטרישע ארטיקלען ווי: אלע סארטען זשארובקעס און לאמפען.

איך פערקויף אלץ צו קאנקורענץ-פרייזען.

## מ. ווערטהיים

ראדאם

וואעל 2 רוג רווינסקא.

---

*Kino „ODEON"*

**w Radomiu**

פון 1-טען ביז דעם 4-טען ה. ח. וועט דעמאנסטרירט ווערען דאס בערימטע בילד

א. נ.

# Kochanek

## własnej żony

דאס בילד איז דער שלאגער פון יעצטיגען ווינטער-טעזאהן.

אין די הויפט־ראלען:

**Marja Korda, Alfred Abel, Antoni Edhofer.**

---

## עפענטליכער דאנק!

די פערוואלטונג פון בית יתומים בעשטעטיגט די נדבות וועלכע זענען געוואָרען ערהאלטען.

פון ר' באיר פינקעלשטיין 5 זל. ה' איזאק בריקמאן 2 זל. פר' וויטוע פ. פאזנאנסקא 5 זל. ה' י. סאנדעל 20 זל. ה' יהודה רובינשטיין 20 זל. ה' נתן גאטליעב 30 זל. פאר וועלכע מיר דאנקען בעסטענס אין נאמען פון די קליינע יתומים. מיר קענען נישט פערשווייגען דאס ר' נתן גאטליעב האט געשענקט אויך וויין פאר די זקנים אויף יום-טוב. די פר' פון יעקב דוד טייטעלבוים—פיש, וועלכע זי האט זעלבסט געקאכט, חלות און פרוכטען אליין פאר די קינדער געבראכט אין בית-יתומים, דעם ה' משה צוקער בעקאנטען כוחר אויף דעם וואהל, ווערט אויך גידאנקט פאר מגהל. זאל זיי אלע גאט כפל כפלים בעצאהלען. מיר בערוהרען זעהר, דאס אזא קליינע צאהל פון אונזערע ברידער און שוועסטער האבען זיך אנגערופען אויף אונזער אפיל. מיר מיינען, אז נישט וועניג פערזאנען ברויכען צו געבען שענע נדבות, נאר אלע ברויכען געבען וויפיעל איינער קען. אפילו קליינע שפענדן, מיר ווייסען די צייט איז אויסטערליש קריטיש, אבער דאס רחמנות פאר די יתומים ברויך נישט אונטערגיין, זאל דאס קינד אויך אויף סכות וויסען, אז עס קלאפען פאר זיי יודישע הערצער, הרחמנים בני רחמנים. ובזכות זה וועלען די מנדבים זיכער האבען א גמר חתימה טובה. דאס געלד קען ווערען איבערגעגעבען פר' דיאמענט לובלינער 23, פר' קארמאן לובלינער 1.

געדענקט! ערפילט אייער חוב פון יודן און בירגער!

די פערוואלטונג פון בית-יתומים.

---

## קויהלען

פון דער קאפאלניע

„פלארא"

וואס פראדוצירט קויהלען פון בעסטען סארט און געהערט צו דער ערשטער קלאס. אויף

טאן אין דעטייל

מיט אבשטעלען אהיים

אהן בעזונדערע צוצאלונגן

צו די נידריגסטע

קאנקורענץ—פרייזען

עמפפעהלט

**Kazimierz Białkowski**

Radom, plac własny między Kościelną a Szeroka.

---

## צו די ראדאמער עלטערן.

די בעוויסטע לאנג-עקזיסטירענדע שולע פון לובלינער 21 רוג ספארנע ווערט פערגרעסערט, אנשטאט ביז היינט 3 קלאסען אויף 5 קלאסען געדענקט אלזא, אז דאס איז די איינציגע שולע אין וועלכע קינדער אנפאנגער לערנען זיך אויס אין זעהר א קורצע צייט גרונדליך עברי, אויך די העברעאישע שפראך ווערט געלערנט אין זעהר א גרויסע מאס. די אלגעמיינע שפראך ווערט געלערנט אזוי, אז קינדער טרעטען אריין אין 1-טע 2-טע 3-טע קלאס גימנאזיום'ס און האנדעלס-שולע.

דאס אלעס מיט א גלייכען פראגראם און א ליכטען סיסטעם תנ"ך און גמרא ווערט געלערנט דורך די בעסטע פעדאגאגען.

אנמערקונג: קינדער ווערען צוגענומען פון ערשטען טאג חוה"ס אן אין דער זעלבער שולע פון 8 פריה ביז 3 נ"מ.

מיט אכטונג א. גוטמאן, מ. זייאנץ.

---

# Kino „CORSO" w Radomiu

פון 1 ביז'ן 4-טען ה. ח. געהט די סענסאציאנעלע דראמע אין 10 אקטען

# KRZYK w PUSTYNI

אין די הויפט-ראל דער בעוואוסטער אטלעט, פרייען-ליבלינג **MACCO**

Redaktor i Wydawca Ch. M. Herc — Odbito we własnej drukarni „Radomer Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska № 20.